**גוט שבת אלע אידן.** דער מעשה די וואך איז א מוראדיגע געשעניש וואס אונזער געטרייער גבאי מוה"ר יעקב שפירא שליט"א האט געהערט בערך פינף יאר צוריק פון ר' מאיר פילטשיק הי"ו. דער מעשה איז געשען בערך זיבן יאר צוריק אין ארץ ישראל מיט א איד וואס מען גייט רופן ר' יצחק (נישט זיין עכטע נאמען). איין טאג האט ר' יצחק באקומען א שרעקליכען בריוו פון דעם רעגירונג אפיס אין ארץ ישראל וואס האט אחריות אויף שטייערן. זיי האבן געהאט ערנסטע טענות קעגן ר' יצחק וועגן שטייערן וואס זיי האבן געטענעט אז ער האט נישט באצאלט. בקיצור, איז ר' יצחק א גרער חסיד, און ער איז גלייך געגאנגען צום גרער רבי'ן שליט"א צו שואל עצה זיין.

דערנאך איז ר' יצחק טאקע אריינגעגאנגען צום זיין רבי'ן נאך א לאנגע ווארט. דער גרער רבי האט אים אויסגעהערט און נאכדעם האט ער אים געזאגט אז ער זאל גיין זוכן א איד וואס הייסט "משה שפירא." (אפשר א ווייטער קרוב צו ר' יעקב'ן.) דער גרער רבי האט נישט מסביר געווען וואזוי ר' משה שפירא וועט אים קענען העלפן.

אפילו אז ר' יצחק האט נישט פארשטאנען פארוואס ער האט געדארפט גיין צו ר' משה, האט ער געהאט אמונת צדיקים און ער האט ב"ה געפאלגט זיין רבי'ן. ווען ר' יצחק איז געקומען צו ר' משה, האט ר' משה אויך נישט פארשטאנען פארוואס דער גרער רבי האט געשיקט ר' יצחק צו אים. אבער, ר' משה איז דאך אויך געווען א חסיד, און ער האט געוואוסט אז ער וועט זיין דעם גוטען שליח, אפילו ער האט נישט געוואוסט פונקטליך ווי אזוי עס וועט אויסקומען.

בקיצור, בשעת ר' יצחק איז אנגעקומען באזוכן ר' משה, איז ר' משה געוועז אויפן וועגן מנחם אבל צו זיין א איד וואס האט געוואוינט אין תל-אביב. וויבאלד אז ר' משה האט געוואלט טאקע דורכשמועסען דעם ענין מיט ר' יצחק, האט ר' משה געזאגט צו ר' יצחק אז ער זאל מיטפארן. ר' יצחק האט מסכים געווען און די צוויי האבן גענומען פארן קיין תל-אביב.

ווען די צוויי זענען אנגעקומען, האט ר' יצחק געוואלט בלייבן אין דעם קאר, ווייל ער האט נישט געקענט דעם אבל. אבער, ר' משה האט צוגערעדט ר' יצחק אז ער זאל מיטקומען מנחם אבל צו זיין יענעם. פארוואס זאל ר' יצחק נישט אריינכאפן א גרויסע מצוה? ווען זיי זענען ארויפגעגאנגען צום אבל האט דער אבל באמערקט צוויי גרער חסידים אריינקומען, און ער האט אנגעהויבן צו דערציילן זיין שייכות מיט גר חסידות.

דער אבל האט דערציילט ווי, יארן פריער, זיין טאכטער איז נאבאך געווארן זייער נישט געזונט, ל"ע. עס איז געקומען צו א מצב, ל"ע, אז זיי האבן איר געלייגט אויף אן "איי-ווי." דער טאטע פון דעם מיידל האט געשיקט איינעם צו זיין רבי'ן דער לב שמחה זצ"ל. דער רבי האט שטארק אנגעוואונטשן און ער האט געשיקט אן עפל דורך א בחור, אן ער האט געהייסן אז דער איד זאל עס געבן צו עסן צו זיין טאכטער. דער איד האט זיך געוואונדערט. ווי אזוי וועט ער קענען געבן דעם עפל צו זיין טאכטער, ווען זי איז געווען דאך אויף אן "איי ווי," ל"ע?!?

דער איד האט נישט געגלייבט אז עס וועט זיין מעגליך צו געבן דעם עפל פאר זיין קראנקע טאכטער. אבער, ער האט געהאט אמונת צדיקים, און ער האט געטראכט אז ער וועט שוין טרעפן א וועג.

נו, האט דער איד גענומען דעם עפל אהיים און ער האט עס געבאקן ביז עס איז געווארן זייער ווייך. דערנאך האט ער עס געברענגט צום שפיטאל און עס געגעבן פאר זיין טאכטער. צוביסלעך איז זיין טאכטער'ס מצב געווארן בעסער און בעסער, ביז א שטיק צייט דערנאך ווען זי איז ב"ה פאלקום געזונט געווארן.

ר' משה מיט ר' יצחק זענען געבליבן שטיל נאך אזא פלא'דיגע מעשה. אבער, אונזער מעשה גייט ווייטער... דער בחור וואס האט געטראגן דעם עפל צו דעם אבל אסאך יארן פריער, איז געווען ר' יצחק, דער איד מיט די פראבלעמען מיט די רעגירונג! און נאך מער הפלא'דיג איז געווען אז דער אבל האט געארבעט אין דעם שטייער אפיס. און נאך די שבעה האט יענער איד ערלעדיגט ר' יצחק'ס פראבלעמען אינגאנצן!

מען זעט פון דעם מעשה אסאך מוראדיגע ענינים, למשל השגחה פרטית, די כח פון א צדיק'ס ברכה, די חכמה פון א צדיק, די כח פון א מצוה, אמונת צדיקים, ועוד. לאמיר אבער אביסל רעדן פון איין ענין, אמונת צדיקים.

עס שטייט אין פסוק די וואך: "וידבר ה' אל משה לאמר. נשא את ראש בני גרשון וגו'." די פסוק איז אונז אפשר מרמז אז דער אייבערשטער געבט א כח צו צדיקים צו משפיע זיין גוטס אויף כלל ישראל. אזוי ווי דער הייליגער רמב"ן זי"ע איז מסביר אנפאנג פרשת במדבר, "נשא" איז א לשון פון אויפהייבן אין א רוחניותדיגע אופן.

איז לאמיר אלע אויסניצן אונזער נאנטקייט צו צדיקים צו קענען זיך אריינכאפן אין דעם כח פון דעם צדיק צו קענען אויפהייבן יעדן איד. **גוט שבת אלע אידן.**